אקט (**2009:724** ) איבער נאציאנאלע מיניאריטעטן און נאציאנאלע מיניאריטעט שפראכן

*גייט אריין אין קראפט אנגעהויבן פון יונאר 1 2010.*

**אלגעמיינע אומשטענדן**

ערשטע טייל. די אקט אינהאלט תנאים איבער נאציאנאלע מיניאריטעטן, נאציאנאלע מיניאריטעט שפראכן, אדמיניסטראטיווע געגענטן און די רעכט צו נוצן נאציאנאלע מיניאריטעט שפראכן אין אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן און אין געריכטן, ווי אויך תנאים איבער געוויסע פארפליכטונגען אנבאלאנגט פרי-שולע און הילף פאר די עלטערע. נאכמער, די אקט אינהאלט תנאים פאר די איבערקוק אויף דאס איינגעבן פון דעם אקט.

צווייטע טייל. די נאציאנאלע מיניאריטעטן אין שוועדן זענען אידן, רומע, סעמי, שוועדישע פינישער און טארנידעלער, אין איינקלאנג מיט שוועדנ'ס צוזאג לויט די קאונסיל פון איירופה'ס פרעימווארק קאנווענשאן פאר די שוץ פון נאציאנאלע מיניאריטעטן (SÖ 2000:2) און די איירופעאישער פאקט פאר לאקאלע און מיניאריטעט שפראך (SÖ 2000:3).

אין די שפראך אקט (2009:600) ווערן אנגעצייכענט די מיניאריטעט שפראכן אלס פיניש, אידיש, מיענקיעלי, רומערי צ'יב און סעמי.

דריטער טייל. ווען עס פעלט אויס, זאלן די אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן, אין א פאסיגע גאנג, אינפארמירן די נאציאנאלע מיניאריטעטן איבער זייערע רעכטן לויט דעם נייעם אקט.

פערדער טייל. אין די שפראך אקט (2009:600) ווערט געשריבן אז די אלגעמיינע באפעלקערונג טראגט א ספעציעלע פאראנטווארטליכקייט צו שוצן און מוטיגן די נאציאנאלע מיניאריטעט שפראכן.
און צוגאב, די אלגעמיינע באפעלקערונג זאל מוטיגן די נאציאנאלע מיניאריטעטן מעגליכקייטן צו היטן און אנטוויקלען זייערע קולטור אין שוועדן. צו זיין געגוי, קינדער'ס אנטוויקלונג פון א קולטורע אינדענדיטעט און באנוץ פון זייער אייגענע מיניאריטעט שפראך זאל ווערן געמוטיגט.

פינפטער טייל. אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן זאלן געבן די נאציאנאלע מיניאריטעטן די געלעגנהייט צו האבן איינפלוס איבער טעמעס וועלכע אפעקטירן זיי און, ביז א מעגליכע שטאפל, באראטן מיט די באטרעפנדע מיניאריטעט פארשטייער.

**אדמיניסטראטיווע געגענטן**

זעקסטער טייל. די אדמיניסטראטיווע געגענט פאר פיניש באשטייט פון די מוניציפאליטעטן באטקירקע, עסקילסטונע, האלשטאהאמער, העונינגע, הודינגע, העבא, קאפינג, סיגטונא, סולנא, שטאקהאלם, סאדערטאליא, טיערפ, אופלאנדס, וואסבי, אופלאנדס-ברו, אופסאלא, אלווקערלעבי, אסטרעקער אטסהאמאר און אווערטארניע.

די אדמיניסטראטיווע געגענט פאר מיענקיעלי באשטייט פון די מוניציפאליטעטן געליווארא, האפאראנדא, קירונא, פעיאלא און אווערטארניע.

די אדמיניסטראטיווע געגענט פאר סעמי באשטייט פון די מוניציפאליטעטן אריעפלאג, ארווידסיאור, בערג, געליווארא, העריודעלען, יאקמאק, קירונא, ליקסעלע, מאלא, סארסעלע, סטארומען, סטראמסונד, אומיע, ווילהעמינע, ארע, אלווודאלאן און אוסטראסונד.

זיבעטער טייל. מוניציפאליטעטן אויסער די וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די זעקסטער טייל, קענען אויך ווערן אריינגענומען אין די אדמיניסטראטיווע געגענטן פאר פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי, אויב זיי פארלאנגען דאס. די רעגירונג פאסט די באשלוס וועלכע מוניציפאליטעט קען ווערן א טייל פון א אדמיניסטראטיווע געגענט. די רעגירונג טיילט צו תנאים אויף אזאנע פרייוויליגע אנשלוסן אין א אדמיניסטראטיווע געגענט.

**די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי און סעמי ווען האנדלן מיט אויטאריטעטן**

אכטער טייל. מענטשן האבן די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי און סעמי אין מונדליכע אדער שריפטליכע האנדלונגען מיט אן אדמיניסטראטיווע אויטאריטעט וועמענס ארבעט'ס שטח געפונט זיך אינגאנצן אדער אין טייל אינערהאלב א אדמיניסטראטיווע געגענט פון די מינאריטעט שפראך. דאס איז גילטיג אין ענינים אין וועלכע דער פערזאן איז א צד אדער דער פארשטייער פון א צד, אין פאל די טעמע איז פארבינדן מיט די אדמיניסטראטיווע געגענט.

אויב דער פערזאן נוצט די פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי שפראך, איז דער אויטאריטעט פארפליכטעט צו געבן א מונדליכע ענטפער אין די זעלבע שפראך. נאכמער, פערזאנען וועלכע מאנגלען אין א לעגאלע העלפער פארמאגן אויך די רעכט צו ערהאלטן, אויף זייער פארלאנג , א געשריבענע איבערזעצונג פון באשלוסן און אנווייזונגס שריפטן אויף דעם טעמע אין פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי.

און צוגאב, די אויטאריטעטן זאלן ארבעטן צוצוברענגן דעם פערזאן אין דיזע שפראכן.

ניינטער טייל. אינדרויסן פון אן אדמיניסטראטיווע געגענט, האט א פערזאן די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי אין מונדליכע און אין שריפטליכע קאמיוניקאציע אין פארבינדונג מיט אדמיניסטראטיווע אויטאריטעט טעמעס אין וועלכע דער פערזאן איז א צד אדער דער פארטרעטער פון א צד, אויב די טעמע קען ווערן אדורכגעפירט דורך שטאב וועלכע רעדן די באטרעפנדע מינאריטעט שפראך.

צענטער טייל. פערזאנען האבן שטענדיג די רעכט צו נוצן פיניש אדער סעמי אין זייערע שריפטליכע האנדלונגען מיט דעם אומבודסמאן, דאס איז אויך גילטיג פאר שריפטליכע האנדלונגען מיט די צ'נסלר פון יוסטיץ, די שוועדישע סאציאלע אינשורענס קאונסיל, די שוועדישע שטייער אגענטור און דעם גלייכבארעכטיגונג אומבודסמאן אין טעמעס ווי דער פערזאן איז א צד אדער דער פארטרעטער פון א צד.

עלעפטער טייל. אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן זאלן ארבעטן צו האבן צוטריט צו שטאב מיט קענטעניס אין פיניש מיענקיעלי און סעמי, ווי עס איז א געברויך אין פארבינדונג מיט מענטשנ'ס האנדלונגען מיט די אויטאריטעטן.

צוועלפטער טייל. אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן מעגן באשליסן צו באשטימען ספעציעלע שטונדן אדער ערטער וואו זיי זאלן טרעפן פערזאנען וועלכע רעדן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי, ווי אויך, צו באשטימען ספעציעלע טעלעפאן שטונדן.

**די רעכט צו נוצן פיניש מיענקיעלי און סעמי אין די געריכטן.**

**דרייצנ**טער טייל    נייע דעזיגנאציעס X § U:2009

א צד אדער פארטרעטער פון א צד אין קאונטי אדמיניסטראטיווע געריכטן, דיסטריקט געריכטן, לאנד געריכטן, ענווייראמענט געריכטן, אדער מיליטערישע געריכטן וועמענס געריכט געגענט איז טיילווייז אדער אינגאנצן אינערהאלב די מוניציפאליטעטן געליווארא, האפאראנדא, קירונא, פעיאלא און אווערטארניע האבן די רעכט צו נוצן פיניש אדער מיענקיעלי אין די פאל פון זייער קלאגע אדער ענין, אויב די פאל איז פארבינדן מיט איינע פון די מוניציפאליטעטן. די זעלבע איז אויך גילטיג צו סעמי, אין געריכטן וואס זייער געריכט געגענט טיילווייז אדער אינגאנצן אינערהאלב די מוניציפאליטעטן אריעפלאג, געליווארא, יאקמאק און קירונא, אויב די פאל איז פארבינדן מיט איינע פון די מוניציפאליטעטן.

די רעכט צו נוצן פיניש, מעינקיעלי אדער סעמי איז אויך גילטיג פאר געריכטן וועמענס אורטיילן אדער באשלוסן אין א פאל וואס אינהאלט איינס די אויבנדערמאנטע פאראגראפן, ווערט אפעלירט.

**דרייצנ**טער טייל / *גייט אריין אין קראפט אנגעהויבן פון פעברואר 15 2010.*

א צד אדער פארטרעטער פון א צד אין אדמיניסטראטיווע געריכטן, דיסטריקט געריכטן, לאנד געריכטן, ענווייראמענט געריכטן, אדער מיליטערישע געריכטן וועמענס געריכט געגענט איז טיילווייז אדער אינגאנצן אינערהאלב די מוניציפאליטעטן געליווארא, האפאראנדא, קירונא, פעיאלא און אווערטארניע האבן די רעכט צו נוצן פיניש אדער מיענקיעלי אין די פאל פון זייער קלאגע אדער ענין, אויב די פאל איז פארבינדן מיט איינע פון די מוניציפאליטעטן. די זעלבע איז אויך גילטיג צו סעמי, אין געריכטן וואס זייער געריכט געגענט טיילווייז אדער אינגאנצן אינערהאלב די מוניציפאליטעטן אריעפלאג, געליווארא, יאקמאק און קירונא, אויב די פאל איז פארבינדן מיט איינע פון די מוניציפאליטעטן.

די רעכט צו נוצן פיניש, מעינקיעלי אדער סעמי איז אויך גילטיג פאר געריכטן וועמענס אורטיילן אדער באשלוסן אין א פאל וואס אינהאלט איינס די אויבנדערמאנטע פאראגראפן, ווערט אפעלירט.

אקט (2009:857)

פערצנטער טייל. די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי דורכאויס געריכטליכע סעסיעס אין איינקלאנג מיט דעם דרייצנטער טייל, טוט אויך אינהאלטן די רעכט צו פארלייגן דאקומענטן און שריפטליכע אינפארמאציע אין דיזע שפראכן, די רעכט צו האבן דאקומענטן וועלכע זענען פארבינדן מיט די טעמע איבערגעזעצט אין די שפראכן און די רעכט צו רעדן די שפראכן דורכאויס מונדליכע געשפרעכן אין די געריכטן. די געריכטן זאלן איבערזעצן דאקומענטן און שריפטליכע אינפארמאציע אין די שוועדישע שפראך, אויסער אין פאל עס קלאר אומוויכטיג.

און צוגאב, די געריכטן זאלן ארבעטן צו נוצן די מיניאריטעט שפראכן אין זייערע האנדלונגען מיט די /// אדער זייערע פארטרעטער.

אין אלע ענינים וועלכע זענען געדעקט מיט די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי אין געריכטן אין איינקלאנג מיטן דרייצענטער טייל, אין פאל וואס א צד אדער די פארטרעטער פון א צד פארמאגט נישט א לעגאלע העלפער, האבט די רעכט, אויף זייער פארלאנג, צו האבן געריכטליכע באשלוסן און געפינסן אדער אורטיילן און פארשטענדווגונגס זאצן איבערגעזעצט שריפטליך אין די שפראכן.

פופצנטער טייל. די וועלכע ווילן נוצן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי דורכאויס א געריכט סעסיע פון א פאל וואס איז אין איינקלאנג מיטן דרייצענטער טייל, מוז דאס פארלאנגען ביי די עפענונג פון די קלאגע, אדער ביי די ערשטע געלעגנהייט ווען די צד דארף צו רעדן איבער די קלאגע אין געריכט.

פארלאנגען צו ערהאלטן אן איבערזעצונג אין איינקלאנג מיטן פערצנטער טייל, דריטע פאראגראף, דארפן געמאכט צו ווערן אין א וואך פון די געריכטליכע באשלוס אדער אורטייל, אויסער אזא פארלאנג איז שוין געמאכט געווארן פריער דורכאויס די געריכטליכע סעסיעס.

אויב א פארלאנג צו נוצן א מיניאריטעט שפראך אדער צו ערהאלטן אן איבערזעצונג ווערט געמאכט שפעטער ווי די צייט וואס ער ווערט ארויסגעשריבן אין די ערשטע און אין די צווייטע פאראגראפן, דאן מעג דאס אפגעווארפן ווערן. אזא פארלאנג מעג אויך אפגעווארפן ווערן אויב די ציהל דערפון איז קלאר אומוויכטיג.

זעכצנטער טייל. אויב א צד אדער פארטרעטער פון א צד האט די רעכט צו נוצן פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי אין לעגאלע פראצעדורן, דארף אן דאלמעטשער ווערן אויפגענומען אין איינקלאנג מיט די תנאים פון חלק ה', זעקסטע-אכטע טיילן, און סיעף 33, חלק ט' פון די קאוד פון ציווילע פראצעדורן און חלקים נ-נב פון די אדמיניסטראציע יורידישע פראצעדור אקט (1971:291).

**פיניש, מיענקיעלי און סעמי אין פרי-שולע און אין הילף פאר עלטערע**

זיבעצנטער טייל. ווען א מוניציפאליטעט אין א אדמיניסטראטיווע געגענט טוט פארשלאגן אן ארט אין א פרי-שולע אין איינקלאנג מיט סיעף ב', ערשטער און זיבעטער טייל פון די ערציאונג אקט.(1985:1100), די מוניציפאליטעט זאל פארשלאגן פאר די קינדער א ארט אין א פרי-שולע וואו אלע אדער א טייל פון די אקטיוועטעטן זענען אין פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי, אין פאל זייער לעגאלע פארשטייער טוען דאס פארלאנגען.

אכצנטער טייל. א מוניציפאליטעט אין אן אדמיניסטראטיווע געגנט זאל פארשלאגן פאר די וועלכע פארלאנגען, צו ערהאלטן אלע אדער א טייל פון די באדינונגע און הילף וואס ווערט צוגעשטעלט אינערהאלב די ארבעט פון הילף פאר די עלטערע, פון שטאב וועלכע קענען רעדן און פארשטיין פיניש, מיענקיעלי אדער סעמי. דאס איז אויך גילטיג פאר מוניציפאליטעטן אינדרויסן פון אן אדמיניסטראטיווע געגנט, אויב די מוניציפאליטעט האט צוטריט צו שטאב וועלכע רעדן די שפראכן.

**אויסשלוסונגען**

ניינצנטער טייל. די רעגירונגס קען ארויסשטעלן תנאים אז א געוויסע רעגירונגס אויטאריטעט זאל זיין אויסגעשלאסן פון אויסצופירן דעם סעקשאן 8 , אין פאל עס זענען דא ספעציעלע אומשטענדן. דאס זעלבע איז אויך גילטיג אויף קאונטי קאונסיל'ס און מוניציפאליטעטן באזירט אויף אויטאריזאציע געגעבן דורך די רעגירונג.

**איבערגיין און נאך**

צוואנציג'סטער טייל. די איינפירונג פון די אקט דורך די אדמיניסטראטיווע אויטאריטעט זאל ווערן נאכגעקוקט. די רעגירונג גיבט תנאים וועלכע אויטאריטעטן זאלן זיין פארבינדן מיט דאס נאכקוקן. די פאראנטווארטליכקייט צו נאכקוקן נעמט נישט אראפ סיי וועלכע באגרעניצונג אויף די אויפגאבע און פאראנטווארטליכקייט פון אנדערע אויטאריטעטן.

איין און צוואנציג'סטער טייל. אויטאריטעטן מיט די פאראנטווארטליכקייט פון איבערגיין, זאלן ארויסהעלפן אנדערע אדמיניסטראטיווע אויטאריטעטן מיטן איינפירונג פון די אקט, דורך באראטונגען, אינפארמאציע און ענליכע טאהטן.